בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת חֻקַּת בָּלָק

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי גֵייעֶן אִין שׁוּלֶע?..........................................................א

וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶעם שָׁכֵן'ס קִינְד פִּירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ מִיט מִיר?..........................................................ג

אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן מַיין מַאן, וָואס טוּט מֶען?.......ד

קֶען אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַייעֶרֶע עֵצוֹת, אָן צוּ זָאגְן פוּן וואוּ אִיךְ נֶעם עֶס?..........................................................ו

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער מַכִּיר טוֹבָה צוּ זַיין, וָואס טוּ אִיךְ?..............ח

קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכוֹת אוֹיף מַיין חֲתוּנָה?....................ט

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אַז מַיין מַאן זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען?..........................................................י

זָאל אִיךְ בַּאדִינֶען מַיין טַאטֶע, אָדֶער אִיז דָאס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה?..........................................................יד

מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מוּז מֶען הָאבְן אַ שְׁוֶוער לֶעבְן?..........טו

זַיין אַ גֶעטְרַייעֶ וַוייבּ..........................................................יח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֶועלְן הָאבְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין זוּמֶער..........................................................א

אַ צַדִיק אִיז דֶער וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ..........................ב

הֵייבּ אוֹיף דַיין וַוייבּ, שְׁטַארְק אִיר אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אִירֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען..........................................................ב

הַאלְט דַיין שְׁטוּב רֵיין פוּן טֶעכְנֶעלָאגִישֶׁע כֵּלִים ........................ ד

עֶנְטְפֶער נִישְׁט אַ טֶעלֶעפָאן רוּף פוּן אַ פְרֶעמְדֶע נוּמֶער ............ ד

נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.......... ז

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ דִיר צוּרִיק צוּ טוּן אַבִּיסְל גוּטְס .......................... ז

מֶען מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.............. ח

מֶען צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט דִי מִשְׁפָּחָה מִיטְ'ן נִישְׁט גֵיין צוּזַאמֶען אוֹיף שַׁבָּת ................................................................................ ט

אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס, וֶוערְט גְרִינְגֶער דִי שְׁוֶועריִקַייטְן ......................................................................... י

לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן ....................................................................יב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי גֵייעֶן אִין שׁוּלֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק און עֵצוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אוּנְז.

עֶס קוּמְט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי צַייט צוּ שִׁיקְן אוּנְזֶער עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע. בִּיז יֶעצְט הָאבְּן נָאר אוּנְז מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען זִי הוֹיבְּט אָן גֵיין אִין שׁוּלֶע, וֶועט זִי דָאךְ בַּאקוּמֶען נָאךְ הַשְׁקָפוֹת אוֹיפְ'ן בָּאס און אִין שׁוּלֶע פוּן דִי חַבֶר'טֶעס, לֶערֶערִינְס און אַזוֹי וַוייטֶער. ווי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט דֶעם? ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּנְזֶערֶע הַשְׁקָפוֹת וֶוען מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִיר וֶוען זִי אִיז אוֹיפְ'ן בָּאס און אִין שׁוּלֶע?

יִיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִינְטֶערֶעסִירְן וֶוער עֶס זֶענֶען דִי חֲבֵרִים פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; בְּדֶרֶךְ כְּלָל וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר און פוּן שׁוּלֶע דֶערְצֵיילְן זֵיי מֶער וֵוייניגֶער אַלֶעס וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן אִין חֵדֶר, דֶעמָאלְט קֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן דֶערְשְׁמֶעקְן וֶוער עֶס אִיז אַ וואוֹיל קִינְד, אַן אֵיידְל קִינְד און

מֶען שְׁטַארְקְט דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ בַּאפְרַיינְדְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אֵיידְל אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְגֵיין אַ קִינְד פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אוּן אוֹיסְהֶערְן יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס עֶר רֶעדְט מִיט חֲבֵרִים וְכוּ'; נָאר מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִינְטֶערֶעסִירְן בַּיי דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן וָואס מַאכְן דִי קִינְדֶער, וֶוער זֶענֶען זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, וואו שְׁפִּילְן זִיךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים - אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן נד): "עַל יְדֵי חֲנוּכָּה וְנֵר שַׁבָּת הֲוֵי לֵהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען צִינְדְט שַׁבָּת לֶעכְט אוּן חֲנוּכָּה לֶעכְט וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים ז:): "וְחִפּוּשׂ מְנֵרוֹת, וְנֵרוֹת מִנֵּר", מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין פוּן לִיכְט, וֶוען מֶען וִויל עֶפֶּעס אוֹיפְזוּכְן דַארְף מֶען זוּכְן מִיט לִיכְט; זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אַז דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי, עֶלְטֶערְן וָואס זוּכְן נָאךְ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים זֶענֶען - וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער עִיקָּר זָאלְט אִיר וִויסְן אַז כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַּארְגִיסְן טְרֶערְן יֶעדְן טָאג אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוט מֶען וֶוען דֶעם שָׁכֵן׳ס קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ מִיט מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי שִׁיעוּרִים. אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן בַּר מִצְוָה, דִי מִשְׁפָּחָה אִיז זֵייעֶר אַ עֶרְלִיכֶע גוּטֶע מִשְׁפָּחָה אוּן מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט זֵיי. דֶער קִינְד אִיז זֵייעֶר אַקְטִיוו אוּן נָאכְנִישְׁט עֶכְט עֶרְוַואקְסְן, עֶר פִירְט זִיךְ נָאךְ ווִי אַ קְלֶענֶערֶער קִינְד אוּן פוּן מָאל צוּ מָאל רִירְט עֶר מִיךְ אָן, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וַוייל אִיךְ וֵייס אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קִינְדֶער וֵוייסְן גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין. אַז מֶען זָאגְט זֵיי, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - וֶועלְן זֵיי זַיין גוּט אוּן וואוּיל; ווִי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט מֶען דֶעם קִינְד נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ. זָאלְט אִיר אִים זָאגְן אֵיינְמָאל, צְוֵויי מָאל מִיט אַ שְׁמֵייכְל: ״יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ גְרוֹיס קִינְד, דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי, נָאר דַיין מַאמֶע מֶעגְסְטוּ אָנְרִירְן״; מֶען זָאגְט דָאס אֵיינְמָאל, צְוֵויי מָאל מִיט אַ שְׁמֵייכְל; אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט זָאגְט מֶען דָאס אַ דְרִיטֶע מָאל מִיט אַן עֶרְנְסְטְן פָּנִים, אַזוֹי וֶועט עֶר זֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, אִיר מֵיינְט דָאס עֶרְנְסְט אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעלֶעכְטֶער, וֶועט עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

דָאס וָואלְט אִיר אִים שׁוֹין גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען יָארְן צוּרִיק, פַאר עֶר וַואקְסְט אוֹיף, נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶוערְט בַּר מִצְוָה; יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, ווִי יוּנְגֶער מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִיז דָאס גְרִינְגֶער פַאר יֶעדְן, סַיי פַארְ׳ן קִינְד אוּן סַיי פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק חִינוּךְ אִיז; אַז מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק קִינְדֶער אוֹיף אַ גְלַייכֶע וֶועג יוּנְגֶערְהֵייט וַואקְסְן זֵיי עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט, קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז גְרִינְגֶער צוּ בֵּייגְן אוּן אוֹיסְגְלַייכְן זֵיי זָאלְן וַואקְסְן שֵׁיין גְרָאד. קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען לֶערְנֶען צְנִיעוּת; אִינְגְלֶעךְ שְׁפִּילְן מִיט אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ. מֶען לֶערְנְט זֵיי שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶען לֶערְנְט זֵיי אֵיידְלְקֵייט - דֶעמָאלְט וַואקְסְן זֵיי אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן מַיין מַאן, וָואס טוּט מֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ מִיט מַיין ווּאוֹילֶע מַאן וָואס הֶעלְפְּט אוּן גֶעבְּט מִיר מֶער פוּן אַלֶע מֶענֶער. אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּב מִיט זִיסֶע קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אִיךְ בֶּעט זִיךְ שׁוֹין בַּיי אִים אַסַאךְ יָארְן אַז מִיר דַארְפְן הִילְף, אָבֶער עֶר וִויל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ, עֶר זָאגְט אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ אַלֶעמָאל אָן נָאר פַאר דִי פְרוֹיעֶן.

אִיךְ הַאלְט בַּיים קְרַאכְן נָאךְ אַזוֹיפִיל יָאר; יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ בִּין טְרוֹיעֶרִיג [אִיךְ בִּין בְּטֶבַע אַ פְרֵיילִיכֶע] פִילְט עֶר נִישְׁט מִיט נָאר עֶר אַנְטְלוֹיפְט טוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעפְּלַאצְט, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעדַאוֶונְט אוֹיף דֶעם בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מַיין יְשׁוּעָה אִיז דָא, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְן טֶערֶעפִּי אוּן עֶס הָאט גָארנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט אוּן עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען, אַזוֹי וִוי עֶר טוּט גֶעוֶועגְלִיךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים אַז עֶר פִילְט נִישְׁט מִיט זָאל עֶר כָאטְשׁ נִישְׁט זִינְגֶען, הָאט עֶר הֶעכֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער גֶעזִינְגֶען, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן גֶעפְּלַאצְט, אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען הַאקְן, שְׁלָאגְן אוּן שְׁלֶעפְּן דִי פֵּיאוֹת אוּן גֶעשְׁרִיגְן קוֹלוֹת אַז עֶר אִיז אַ נַאצִי. אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט לֶעבְן מִיט אִים. וָואס וֶועט זַיין?

בִּיטֶע מִיר עֶנְטְפֶערְן וַוייל אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת קֹרַח, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייטְס מִיר מוֹחֵל, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי; הַאקְן, שְׁלָאגְן, שְׁלֶעפְּן פֵּיאוֹת אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן מַאן: "נַאצִי". אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ זֵייעֶר גוּט, אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ חוֹזֶק וֶוען עֶר אִיגְנָארִירְט אַייךְ, אָבֶער דָאס צוּ טוּן מִיט אַ מַאן אִיז אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט.

נֶעמְטְס דִי חָכְמָה פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ" - אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אִיר שְׁטוּבּ, "וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ" - אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט אִיר שְׁטוּבּ מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער אִיז אַייעֶר מַאן אַ טֵייעֶרֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הֶעלְפְט אַייךְ אוּן עֶר גֶעבְּט אַייךְ וָואס אִיר דַארְפְט, עֶר וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף טוּן וֶוען דִי וַוייבּ וֵויינְט. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענֶער זֶענֶען אַזוֹי, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען דִי פְרוֹי הֵייבְּט אָן וֵויינֶען; דָאס מַאכְט אִים עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן זִינְגֶען אוּן זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן זַיין טָאג אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיר וֵויינְט.

דֶערִיבֶּער אוֹיבּ אִיר ווִילְט אַז אַייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אוֹיסְהֶערְן דַארְפְט אִיר רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים; דֶעמָאלְט וֶועט זַיין כַּמַּיִם פָּנִים לַפָּנִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְלְ'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים; אַזוֹי אִיז דִי מַאן מִיט זַיין וַוייבּ - וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף צוּ יֶענֶעם, אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ צוּרִיק מִיט דִיר.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְט אִיר אִיבֶּער בֶּעטְן אַייעֶר מַאן; זָאגְטְס אִים שֵׁיינֶערְהֵייט: "זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִיר אַזֶעלְכֶע מִיאוּס'ֶע וֶוערְטֶער", וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט אַייךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הֶעלְפְן.

גֶעבְּטְס אִים שֵׁיינֶערְהֵייט צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיר וִוילְט; אַז אִיר וִוילְט עֶר זָאל אַייךְ סְתַּם אוֹיסְהֶערְן, עֶר זָאל וַוייזְן מִיטְלַייד וֶוען אִיר וֵויינְט - וֶועט עֶר שׁוֹין

**מֶער נִישְׁט זִינְגֶען וֶוען אִיר וֵויינְט.**

**עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ נֶעמְט מֶען זִיךְ אָן פַּאר דִי פְּרוּוְעֶן, אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ לֶערְנְט מֶען אוֹיס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, מֶען זָאל זַיין אַ סַבְלָן אוּן מֶען זָאל מְוַתֵּר זַיין, מֶען זָאל זַיין קְלוּג - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער וָואס עֶס גֵייט זֵיי אַרִיבֶּער דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט קְרִיגֶערֵייעֶן, וֶוען מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ זִיסֶע לֶעבְּן.**

**אִיךְ בֶּעט אַייךְ, הָאטְס רַחְמָנוּת אוֹיף אַייךְ אוּן אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אוֹיפְפִירְן; אַז אִיר ווילְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת זָאלְט אִיר שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַייעֶר מַאן. שְׁלֶעפְּטְס אִים נִישְׁט אַהֶער; אַז עֶר וויל נִישְׁט קוּמֶען דָא - אִיז נִישְׁט, קוֹדֶם זָאלְט אִיר דָא זַיין; קוֹדֶם זָאלְט אִיר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## קֶען אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַייעֶרֶע עֵצוֹת, אָן צוּ זָאגְן פוּן וואוּ אִיךְ נֶעם עֶס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם עוֹסֵק אִין חִינוּךְ מִיט יוּנְגֶע בָּחוּרִים, אִיךְ הֶער אַסַאךְ אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְן דִי בְּרִיוו, אוּן אִיךְ נֶעם פוּן דָארְט אַסַאךְ עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אוּן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי עֵצוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אָן צוּ זָאגְן אַז אִיךְ נֶעם דָאס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אוֹיךְ וויל אִיךְ פְרֶעגְן אַזוֹי ווִי בָּחוּרִים קוּמֶען צוּ מִיר כְּסֵדֶר מִיט אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אִין פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים, ווִי נֶעמְט מֶען דִי כֹּחַ אוּן שֵׂכֶל צוּ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען הָאט בִּכְלָל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם פְרִיעֶר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל כְּסֵדֶר רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען זָאל זַיי דֶערְצֵיילְן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר זָאגְט אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס אַרְט מִיר אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן עֶרְלִיךְ מִיט כַּוָּנָה, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן מִיר".

דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ו): "כָּל הָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ - מֵבִיא גְאֻלָּה לָעוֹלָם", אַז מֶען זָאגְט עֶפֶּעס נָאךְ אִינֶעם נָאמֶען פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט - בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְאוּלָה; דָאס אִיז וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם אַ גְּאוּלָה, עֶס בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם, אָבֶער אוֹיב וֶועט דָאס מַאכְן אַ חוּרְבָּן דַאן אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן פוּן וֶועם מֶען הָאט עֶס גֶעהֶערְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי'ן; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן ווָאוּ עֶר נֶעמְט דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת, עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט טִיפֶע סוֹדוֹת, מִמֵּילָא אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין לִיגְנְט".

יֶעצְט וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז טַאקֶע דֶער פְּשַׁט פוּן דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל, אַז מֶען זָאגְט נָאךְ אִינֶעם נָאמֶען פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְאוּלָה; וָואלְטְן זִיךְ אַלֶע מוֹדֶה גֶעוֶוען פוּן ווָאוּ זַיי נֶעמֶען זֵייעֶר חִיזוּק, וָואלְטְן אַלֶע פַארְצֵיילְט פַאר זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים ווָאוּ דֶער סוֹד לִיגְט בַּאהַאלְטְן - וָואלְט מָשִׁיחַ גֶעקוּמֶען. ווַייל פוּנְקְט ווִי דוּ נֶעמְסְט שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אַזוֹי אִיז אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; יֶעדֶער לֶעבְּט פוּן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט'ן רֶבִּינְ'ס חִיזוּק, עֶס אִיז אָבֶער בְּהֶסְתֵּר, בַּאהַאלְטְן; מֶען שֶׁעמְט זִיךְ מִיט'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשֶׁעמְט; וָואלְט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער מוֹדֶה גֶעוֶוען פוּן ווָאוּ מֶען נֶעמְט דִי חִיזוּק, מֶען וָואלְט נָאכְגֶעזָאגְט דִי דִיבּוּרִים בְּשֵׁם אוֹמְרָם - וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען דִי גְאוּלָה.

אוֹיף דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע פוּן ווָאוּ מֶען נֶעמְט כֹּחַ וְכוּ'; אוֹיב מֶען וֵוייסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף בָחוּרִים - נִישְׁט נָאר עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק קֵיין כֹּחַ, פַארְקֶערְט, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער מַכִּיר טוֹבָה צוּ זַיין, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק בִּין אִיךְ דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן, סְפֶּעצִיעֶל עֶטְלִיכֶע פוּן מַיינֶע פֶּעטֶערְס, אוּן יֶעצְט ווִיל אִיךְ זֵיי אַרוֹיסְווַייזְן עֶפֶּעס אַן הַכָּרַת הַטּוֹב, אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי צוּ קוּקְן אִין פָּנִים ווַייל דָאס דֶערְמַאנְט מִיר פוּן דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן זֵיי.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי ווַייזְן אַן הַכָּרַת הַטּוֹב?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, ווִידֶערְאוּם זַיין אַ כָּפוּי טוֹבָה אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּסְ'עֶ מִדָּה. דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר דִי מִצְוָה פוּן בִּכּוּרִים, קוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי עֶרְשְׁט גֶעצַייטִיגְטֶע פְרוּכְט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כו, ג): "וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם", אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כָּפוּי טוֹבָה (סִפְרֵי דְּבָרִים, פִּיסְקָא רצט).

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר גֶעבְּט דִיר וֶועט דִיר זַיין גְרִינְג צוּ דַאנְקֶען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֶעלְפְן דִיר.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט צוּ אוּנְז, עֶר גֶעבְּט אוּנְז נָאר גוּטְס - דַארְפְן מִיר אִים שְׁטֶענְדִיג לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען, נִישְׁט ווַארְטְן עֶס זָאל קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אִים אוּן

לוֹיבְּט אִים, זָאגְט עֶר פַאר דִי מַלְאָכִים: 'קוּקְטְס אָן דֶעם אִיד, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר דַאנְקְט מִיךְ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס גוּטְס מֵיינְט', אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְס מֵיינְט'"; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער גוּטְס קוּמְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

אוֹיב גוּטְס דֶערְמַאנְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט שְׁלֶעכְטְס; דֶער רַיי"צ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: "עֶס זֶענֶען פַארְהַאן 'חֲסִידִים' אוּן עֶס זֶענֶען פַארְהַאן 'צָרוֹת חֲסִידִים'"; דָאס הֵייסְט עֶס זֶענֶען פַארְהַאן חֲסִידִים וָואס קוּמֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ זֵייעֶר רֶבִּי, אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וֶוען זֵיי הָאבְּן צָרוֹת, זֵיי רוּפְט מֶען 'צָרוֹת חֲסִידִים', פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעקוּמֶען וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט, וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט אֵיינְשְׁפָּארְן דִי אַלֶע צָרוֹת".

ווארִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נָאר גוּטְס זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

...

## קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכוֹת אוֹיף מַיין חֲתוּנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין פוּל מִיט הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר, אוּן דֶערְפַאר וִויל אִיךְ אַייךְ מִיטְטֵיילְן מִיט מַיין שִׂמְחָה, אַז אִיךְ גֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה הָאבְּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ.

אִיךְ הָאב אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי מַדְרִיכִים פַאר חֲתָנִים אַז זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מַיין מַדְרִיךְ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען מֶעג טַאקֶע לֶעבְּן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי ווַייב לוֹיט דִי הֲלָכָה, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חֲסִידִישֶׁע זַאךְ. הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס הַדְרָכוֹת צוּ מַיין חֲתוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ ווייסְט אַוַודַאי אַז 'שָׁלוֹם בַּיִת' אִיז בַּיים רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד); דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ טַעְנָה'עֶן מִיט דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן גֶעלְט זִי זָאל קֶענֶען קוֹיפְן פַאר זִיךְ וָואס זִי דַארְף.

רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פַּרְשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן קְלֵיידֶער פַאר זִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ בַּיי עֶסְן - וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶערֶעדְט פַאר זִיךְ - הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר וֵוויינִיג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין וַוייבּ הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהָיָה מַפִּיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", עֶר הָאט אִיר צוּפְרִידְן גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען טוּן.

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין קַארְג, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן וָואס זִי דַארְף אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִתְוַוכֵּחַ זַיין - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אַז מַיין מַאן זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן עֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה אִיבֶּער וָואס צוּ טוּן מִיט דִי דְרוֹיסְנְדֶע הַשְׁקָפוֹת פוּן דִי חֲבֵרִים פוּן דִי קִינְדֶער. אִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ חִיזוּק מִיט דֶעם בְּרִיוו [זֶעט דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁאֵלָה וּתְשׁוּבָה אִין דֶעם קוּנְטְרֵס].

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] ווְאוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט פַאר אַ פְרוֹי אַז יֶעצְט אַז זִי אִיז אַ מַאמֶע אִיז אִיר פְּלַאץ אִינְדֶערְהֵיים. אוֹיךְ אִין אַן אַנְדֶערֶע בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] שְׁרַייבְּט אִיר פַאר אַ פְרוֹי אַז זִי הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן מְסִבָּה וַוייל זִי דַארְף הָאבְּן כֹּחַ אוּן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעבֶּענְטְשְׁט בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיט דְרֵיי קִינְדֶער, דִי עֶלְטְסְטֶע אִיז צְווֵיי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַלְט; בִּיז יֶעצְט זֶענֶען אַלֶע בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים מִיט מִיר אוּן יֶעצְט הָאט דִי עֶלְטְסְטֶע מֵיידְל אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין.

אִיךְ בִּין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ מַאן וָואס ווִיל נָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אַ גַאנְצְן טָאג. עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעסֶע אִין אַרְבֶּעט - אוּן אִיךְ בִּין גָאר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם.

כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַרְבֶּעט אִיךְ; מַיין אַרְבֶּעט אִיז אִינְדֶערְהֵיים פוּן זֶעקְס בִּיז צְוֶועלְף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט. עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג וַוייל דִי אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער אוּן מִיר ווִילְן נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין דָארְט וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער. לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ אַ קִימְפֶּעטָארְן, אִיךְ הָאבּ בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם דְרֵיי פִּיצֶעלֶעךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט שְׁטוּפְּן מַיין מַאן צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן - אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן גֶעטְרַאכְט עֶר זָאל אַרְבֶּעטְן אִין אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אַזוֹי ווִי סוֹפְרוּת וְכַדּוֹמֶה, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אַ גַאנְצְן טָאג.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַ עֵצָה פַאר אוּנְז ווִי אַזוֹי מַיין מַאן זָאל וַוייטֶער קֶענֶען לֶערְנֶען, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן הָאבְּן כֹּחַ פַאר דֶעם, אוּן מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הָאבְּן עֶפֶּעס אַ פַּרְנָסָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק און עֵצוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אוּנְז. מַיין מַאן און אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הֶערְן דִי חִיזוּק יוֹמִי יֶעדְן טָאג בַּיי פְרִישְׁטָאג מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס לֶעבְּט אוּנְז מַמָּשׁ אוֹיף. מִיר וַוארְטְן יֶעדְן וָואךְ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע גִלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ און דֶער קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווארִיל אִיז אַייךְ און ווארִיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הֶעלְפְט אַייעֶר מַאן עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אַז אִיר מַאן זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט גָאר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס אִיר קֶענְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיר זָאלְט אַרְבֶּעטְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיר קֶענְט אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג; אַייעֶרֶע קִינְדֶער מֶעגְן זֶען אַז אִיר אַרְבֶּעט, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן מִיט גוּטֶע זַאכְן. אִיר קֶענְט אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג, אִין דִי שָׁעוֹת וָואס אִיר זֶענְט אוֹיסְגֶערוּט און בַּיינַאכְט זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְרוּעֶן כְּדֵי אִיר זָאלְט קֶענֶען זַיין אַ רוּאִיגֶע און גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע.

מַאכְטְס אַייךְ גְרִינְגֶער כְּדֵי אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער און אִיר זָאלְט קֶענֶען וַוייטֶער הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי צְוֵויי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**אַז אִיר הָאט שׁוֹין אַ קִינְד דַארְפְט אִיר נִישְׁט זוּכְן צוּ אַרְבֶּעטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ד סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

יֶעצְט אַז אִיר הָאט שׁוֹין אַ קִינְד דַארְפְט אִיר נִישְׁט זוּכְן צוּ אַרְבֶּעטְן; יֶעצְט

דַארְפְט אִיר זַיין אַ מַאמֶע מִיט פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַ גֶעטְרֵייעֶ ווַייבּ פַאר אַייעֶר מַאן.

אַז אִיר הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט נֶעבְּן שְׁטוּב אִיז גוּט, אָבֶּער פָאְרן קַיין יְרוּשָׁלַיִם יֶעדְן טָאג אַ וֶועג פוּן אַ שָׁעָה אוּן צוּרִיק קוּמֶען אַ שָׁעָה וֶועג - לוֹינְט נִישְׁט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי.

זַייטְס מְחַזֵק אַייעֶר מַאן עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, ווַייל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער דַארְף גוּט שְׁלָאפְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ דִי פְרוֹיעֶן פַּארְטִי; אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, אַ טִיטְשֶׁער אָדֶער מְנַהֶלֶת - הָאט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת אוּן מֶען דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ. אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז): ״וְאֵין לַמְלַמֵּד לְנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד״, אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין פוֹיל בַּייטָאג צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ נֶעם זִיךְ אוֹיס מִיט אַלֶע מְלַמְדִים אַז זֵיי טָארְן נִישְׁט אַוֶועק פָאְרן צוּ חֲתוּנוֹת אָדֶער אַ פַארְבְּרֶענְג וְכַדוֹמֶה (אוֹיסֶער אוֹיבּ זֵיי נֶעמֶען אַ בִּמְקוֹם, אַ שְׁטֶעלְפַארְטְרֶעטֶער); דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס, זֵיי דַארְפְן זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט צוּ דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג וָואס אִיר מַאכְט אִין שְׁטֶעטְל יֶעדֶע דִינְסְטָאג נַאכְט; מֶען דַארְף טְרַאכְטְן אַ גוּטֶע צַייט וֶוען דָאס צוּ מַאכְן, ווַייל עֶס קֶען נִישְׁט זַיין צוּ שְׁפֶּעט. אוֹיבּ מַאכְט מֶען דָאס אַזוֹי ווִי ווִינְטֶער צַייט, בְּעֶרֶךְ נַיין אַזֵייגֶער - קֶען מֶען דָאס ווַייטֶער מַאכְן, אָבֶּער אוֹיבּ הֵייבְּט מֶען דָאס אָן שְׁפֶּעטֶער - אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם, ווַייל עֶס פַארְצִיט זִיךְ צוּ שְׁפֶּעט וָואס דֶעמָאלְט גֵייט דָאס אוֹיפְ׳ן

חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער. אַ מַאמֶע וָואס לֵייגְט זִיךְ טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אִינְדֶערְפְרִי צוּ אִירֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל מִיט קוֹלוֹת אוּן פְּסָקִים; אַנְדֶערְשׁ אִיז וָוען מֶען לֵייגְט זִיךְ פְרִי אוּן מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט - דַאן הָאט מֶען כֹּחַ אוֹיפְצוּוַאוֶועקְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גְרֵייט מַאכְן מִיט שִׂמְחָה צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## זָאל אִיךְ בַּאדִינֶען מַיין טַאטֶע, אָדֶער אִיז דָאס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז, אִיךְ בִּין שׁוֹין פִינְף אוּן דְרַייסִיג יָאר אַלְט אוּן דִי וָואךְ הָאב אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, דוּרךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דִי וָואךְ אַבִּיסְל, אוֹיךְ הָאב אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, מַיין מַאמֶע לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט אוּן מַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי פִיס לֹא עָלֵינוּ אוּן קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאוֶועגְן גֶעהֶערִיג, אָבֶּער זַיין קָאפּ אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיפְ'ן פְּלַאץ. אִיךְ הָאב אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ אָבֶּער אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִים צוּ בַּאדִינֶען אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר פַארְלַאנְגְט זַאכְן אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ טוּ דִי מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, אִיךְ הָאב אָבֶּער מוֹרָא אַז דָאס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אַז אִיךְ בִּין אַזוֹיפִיל פַארְנוּמֶען מִיט אִים.

זָאל אִיךְ אִים וַוייטֶער הַאלְטְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן בַּאדִינֶען, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ פַאר אִים, צוּ קֶענֶען זַיין מֶער פַארְנוּמֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ הַאלְטְן דַיין טַאטֶע בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; זָאלְסְט אִים מְכַבֵּד זַיין אוּן בַּאדִינֶען מִיטְ׳ן גְרֶעסְטְן מָאס כָּבוֹד.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז עֶס גֵייט אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין וַוייבּ וְכוּ׳; דָאס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן. דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט צַייט פַאר אַלֶעס, עֶר הֶעלְפְט דִי עֶלְטֶערְן, עֶר הֶעלְפְט דִי וַוייבּ אוּן אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, וְוידֶערְאוּם דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט נִישְׁט קַיין צַייט - נִישְׁט פַאר זַיין טַאטֶע, נִישְׁט פַאר זַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער.

פוּנְקְט ווִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב נֶעמְט דָאס נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי צַייט פוּן דִי וַוייבּ, נָאר דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְּן; אַזוֹי אִיז מִיט כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דָאס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן קֵיינֶעמְ׳ס חֶשְׁבּוֹן, דָאס אִיז וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן; מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע מַאמֶע אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס.

וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיים מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): ״שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ; בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי״, דְרַיי שׁוּתְּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ״אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי ווִי אִיר וֶוענְט מִיר מְכַבֵּד״; אוּן וֶוען עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִיז דָא אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז עֶס גֵייט אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; פַארְקֶערְט, דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע חִינוּךְ פַאר קִינְדֶער אִיז וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶעעֶן דֶעם אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן אוּן לְהַבְדִיל אַ נִישְׁט אִידִישֶׁע לֶעבְּן. בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז דִי זֵיידֶע בַּאבֶּע דֶער קְרוֹין פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַלֶעס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם דִי עֶלְטֶערְן; מֶען קוּקְט אוֹיף דִי

עֶלְטֶערְן, מֶען טוּט וָואס דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן, אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם וָואס דִי יוּגֶענְט פַּארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער וִוי דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מוּז מֶען הָאבְּן אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַלֶע זֶענֶען גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע אוּן בּוֹיעֶן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶער, אוֹיסֶער אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן וֶועג.

מַיין מַאמֶע הָאט בֶּאֱמֶת אַסַאךְ אַסַאךְ נַחַת, אָבֶּער זִי עֶנְדִיגְט נִישְׁט הָאבְּן דַאֲגוֹת פוּן יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער; אֵיינֶער וָואס וואוֹינְט אִין אַ פְּלַאץ וָואס אִיז מֶער מָאדֶערְן, אוּן כָאטְשׁ דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין - דַאֲגָה'ט זִי. אַ צְוֵוייטֶע הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין פַּרְנָסָה. אַ דְרִיטֶע דַאֲגָה'ט זִי אוֹיף אַן אֵיינִיקְל וָואס הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי רְשִׁימָה אִיז לַאנְג, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִי נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג מְנוּחָה.

זִי גֶעבְּט אַוֶועק אַסַאךְ כֹּחַ אוּן צַייט צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן; אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיט אִיר, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, זִי אִיז אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל אוֹיף יֶעדְן. אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אוֹיב אַזוֹי דַארְף טַאקֶע זַיין, 'אַזוֹי דַארְף אוֹיסְקוּקְן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע?! וָואס מֶער קִינְדֶער אַלְץ מֶער דַאֲגוֹת, אַלְץ וֶוינִיגֶער מְנוּחָה?' עֶס זֶעט אוֹיס אַז עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט, אַז בִּיז הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג וֶועט אַזוֹי אוֹיסְזֶען אִיר לֶעבְּן אוּן עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן שְׁוֶוערֶער, וַוייל עֶס קוּמֶען נָאךְ אֵיידֶעמֶער, נָאךְ אֵיינִיקְלֶעךְ, אַלֶע וַואקְסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיז דָא אַ וֶועג וָואס אִיךְ קֶען אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן? אוּן צְוֵוייטְנְס, אוֹיב בַּיי מִיר וֶועט אוֹיךְ זַיין אַזוֹי, אַזוֹי זֶעט אוֹיס דִי לֶעבְּן פוּן אַ מַאמֶע וָואס הָאט אַסַאךְ קִינְדֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר פְּרֶעגְט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁאֵלָה, אַ וויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה; אַ שְׁאֵלָה וָואס אַלֶע הָאבְּן.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט דִי וֶועלְט, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט אִיז דֶער לֶעבְּן זִיס אוּן שֵׁיין, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק וִויפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט; מֶען וֵוייסְט אַז וִוי מֶער קִינְדֶער מֶען הָאט אַלְץ מֶער נַחַת רוּחַ מַאכְט מֶען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַּאלְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט פּוּנְקְט וִוי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'מָשָׁלְ'ט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי אֱמוּנָה, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן אַז זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן יֶעדֶע זַאךְ; מֶען וֶוערְט פַאר'דַאֲגָה'ט אוּן פַארְשְׁוַוארְצְט, מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, דֶעמָאלְט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין חִילוּק וִויפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט; מֶען אִיז בַּאזָארְגְט סֵיי מִיט קִינְדֶער אוּן סֵיי אָן קִינְדֶער, סֵיי אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע אוּן סֵיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן; מֶען קֶען הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע לֶעבְּן, דִי זֶעלְבֶּע קִינְדֶער, דִי זֶעלְבֶּע אִיבֶּערְגֵייאַכְץ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט פַאר'דַאֲגָה'ט, מֶען אִיז נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט, מֶען הָאט הֲנָאָה יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע פוּנֶעם לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעוִויזְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי וַוייט אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ; עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יַעֲנְקֶל וַואסֶער טְרֶעגֶער אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס מַאכְסְטוּ יַעֲנְקֶל?" גֶעבְּט עֶר אַ קְרֶעכְץ אוּן זָאגְט: "וָואס קֶען אִיךְ שׁוֹין מַאכְן? בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר דַארְף אִיךְ שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע עֶמֶערְס וַואסֶער, אִיךְ שְׁלֶעפּ דָאס אַרוֹיף אַפָּאר שְׁטָאק, מַמָּשׁ דִי

רוקן בְּרֶעכְט זִיךְ מִיר, דִי פִּיס הָאלְטְן מִיר שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן?!" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים. אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער גֵייט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נָאכַאמָאל מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט זֵיי: "קוּמְט וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזְן אַז אַלֶעס הָאט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט אוֹיף זַיין לֶעבְּן", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֵייט וִוידֶער צוּ צוּם וַואסֶער טְרֶעגֶער יַעְנְקֶל אוּן פְּרֶעגְט אִים: "יַעְנְקֶל וָואס הֶערְט מֶען עֶפֶּעס? וָואס מַאכְסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "רֶבִּי, וִוי קֶען אִיךְ קְרֶעכְצְן? מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי שֵׁיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן, אִיךְ שֶׁעפּ אָן וַואסֶער בַּיים בְּרוּנֶעם אוּמְזִיסְט אוּן טְרָאג דָאס צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי צָאלְן מִיר, אַה! - גֶעבְּט עֶר אַ זָאג - אִיךְ דַאנְק גָאט פַאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי עֶרְקְלֶערְט דָאס פָּאלְגְנְדֶע: "גֶעבְּט אַ קוּק, דָאס אִיז דֶער זֶעלְבֶּער יַעְנְקֶל; צֶוענְדְלִיגֶער יָארְן שְׁלֶעפְּט עֶר דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוערֶע עֶמֶערְס וַואסֶער, דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאקְן דַארְף עֶר אַרוֹיפְקְרִיכְן, אָבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט דָאס אָן"; וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען פַארְ'דַאֲגָה'ט אוּן מָלֵא טַעֲנוֹת, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ, מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס, מֶען קוּקְט אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט - דַאן אִיז מֶען פוּל מִיט פְרֵייד.

צַדִיקִים טַייטְשְׁן דָאס וָואס רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף שָׂרָה אִמֵּנוּ (בְּרֵאשִׁית כג, א): "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה", אַז עֶס אִיז אִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט גֶעוֶוען; זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, בַּיי אִיר אִיז גֶעוֶוען בַּת ק' כְּבַת כ', וּבַת כ' כְּבַת ז' - אַלֶע אִירֶע יָארְן אִיז אִיר גוּט גֶעוֶוען, מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז גֶעוֶוען: "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה".

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְטְס אַייעֶר מַאמֶע; רֶעדְטְס אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר גְרִינְגֶער מַאכְן פַאר אַייעֶר מַאמֶע זִי זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן, זִי זָאל אוֹיסְלֶעבְּן אִירֶע יָארְן מִיט נַחַת אוּן פְרֵייד.

בְּנוֹגֵעַ אַייךְ וְכוּ'; וִוי מֶער אִיר וֶועט חַזְרְ'ן אִין אַייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן אֱמוּנָה, וִוי מֶער אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה - וֶועט אַייעֶר לֶעבְּן זַיין צוּקֶערְדִיג אוּן שֵׁיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיין אַ גֶעטְרַייעֶ וַוייבּ

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' דֶערְמִיט, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ וואוּילֶע גוּטֶע וַוייבּ, אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן מִיט אִיר; עֶס אִיז אָבֶּער דָא אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר, אַז אַמָאל פְלֶעגְט זִי זִיךְ שֶׁעֶנֶער אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר מִיר אִינְדֶערְהֵיים אוּן דָאס הָאט מִיר פִּיל גֶעהָאלְפְן מִיט מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת בַּיי דִי אַרְבֶּעט וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט פְרוֹיעֶן, אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זַאט אִינְדֶערְהֵיים הָאט מִיר נִשְׁט גֶעצוֹיגְן דִי גְלַאנְצִיגֶע גַאס, אָבֶּער מַיין וַוייבּ וִויל זִיךְ מֶער נִשְׁט אַזוֹי אַהֶערְשְׁטֶעלְן, זִי טַעֲנֶה'ט אַז דָאס אִיז נִשְׁט נַאטוּרְלִיךְ אוּן ס'פֶּעלְט נִשְׁט אוֹיס, דָאס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר יוּנְגֶע אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ אוּן נִשְׁט פַאר אוּנְז. וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ בִּין נָאךְ יָא קִינְדִישׁ אוּן אִיךְ פִּיל אַז מִיר פֶעלְט עֶס יָא אוֹיס?

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אִיר צוּ בֶּעטְן צוּפִיל; זִי הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער זִי זָאגְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט נִשְׁט פוּן דֶעם, אָבֶּער פַאר מִיר פֶעלְט עֶס אוֹיס זֵייעֶר וִויכְטִיג. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִיבֶּער דֶעם אוּן אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה יָא מֶער רֶעדְן פוּן דֶעם בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן אָדֶער שְׁרַייבְּן אִין דִי בְּרִיוו?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ.**

**לְכָבוֹד מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

**וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אַ פְרוֹי וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן - מִיט דֶעם טוּט זִי דֶעם רָצוֹן ה'; זִי וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵרוּבִין ק:) וֶוען אַ פְרוֹי אִיז גְרֵייט פַאר אִיר מַאן וְכוּ' וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, וָואס אֲפִילוּ אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע צַדִּיקִים.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אוּן רֶעדְט אַיין אַלֶע סָארְט מַחֲשָׁבוֹת: 'עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס', 'עֶס אִיז קִינְדִישׁ', 'עֶס אִיז נִישְׁט אִידִישׁ' אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, אָדֶער מַאכְט דֶער יֵצֶר הָרָע מֶען זָאל זַיין סְתָּם אַזוֹי פוֹיל, מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין לֵייגְן כֹּחַ אוּן מִי צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ'.

דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם; אִיר דַארְפְט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן בְּרֵייט פוּן דִי נוֹשֵׂא פַאר אַ רַבִּים, אֲפִילוּ פְּרִיוַואט אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן אִיז דָאךְ זִיכֶער פַאר אַ רַבִּים. אָבֶער וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן, זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי חָשׁוּב אִיז דִי פְרוֹי וָואס הִיט אָפּ אִיר מַאן אוּן לֵייגְט אַרַיין קָאפּ אוּן מִי אַז אִיר מַאן זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶס זָאל אִים זַיין גְרִינְג זִיךְ צוּ הִיטְן אִין גַאס.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן זַייט אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ פַאר אַייעֶר מַאן; עֶס זֶעט אוֹיס פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער אַז עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר ווִיל זַיין גוּט, עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר ווִיל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת וֶוען עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר אַייךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער; זָאלְט אִיר זַיין אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ אוּן אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן עֶר זָאל נִישְׁט וֶועלְן אוּן דַארְפְן פְרֶעמְדֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיךְ הָאבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין זוּמֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נָאךְ נִישְׁט וואוּ אִיךְ וֶועל זַיין זוּמֶער; אִיךְ וַוארְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ, פַאר מִיר מִיט דִי בָּחוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס מִיר גֵייעֶן אַלֶע יָארְן אִינְאֵיינֶעם.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ גֶעדַאנְק בִּיטֶע רוּף אָן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר הֶעלְפְט מִיר טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ פַאר זוּמֶער.

עֶס וֶועט זַיין אַ דֶעי קֶעמְפּ פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן פַאר מֵיידְלֶעךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ; אַז דוּ ווִילְסְט אַיינְשְׁרַייבְּן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ מֶעלְדְן צוּ הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וֶועלְכֶער וֶועט זַיין פַארַאנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף דִי אִינְגְלֶעךְ, אוּן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ וֶועלְכֶע וֶועט זַיין פַארְאַנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף דִי מֵיידְלֶעךְ; בְּשֵׁם הַשֵּׁם נַעֲשֶׂה וְנַצְלִיחַ.

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ צַדִיק אִיז דֶער וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד רֶעכְנְט זִיךְ לוֹיט ווִיפִיל עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, ווִיפִיל עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: ״מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא״, וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? ״מָאן מִנְּכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ׳״ וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? - דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - לִיכְטִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט פוּן וָואס עֶס גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער, מֶען פְּרוּאוּוט דִיר יֶעצְט אוֹיס צוּ זֶען וָואס דוּ טוּסְט אִין אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, צוּ וֶועמֶען דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶוענְדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֵייבּ אוֹיף דַיין וַוייבּ, שְׁטַארְק אִיר אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אִירֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳.

צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְט איר אוֹיפְבּוֹיעָן און מְחַזֵּק זַיין. זָאג איר אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַּאסִירְט בַּיי אַנְדֶערֶע אוֹיךְ; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ פֶּעלֶער וָואס גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה גְדוֹלָה בָּחוּרִים פְּלֶעגְן זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט דֶעם, מֶען הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט נֶעמֶען אִין בֵּית הַכִּסֵּא אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַּארְשֶׁעמְט וֶוערְן וְכוּ' צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים.

דְרִיטְנְס, נֶעם אִיר צוּ אַ דָאקְטֶער; אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען דָאס פַּארְרֶעכְטְן מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט.

פֶערְטְנְס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם מִיט סַבְלָנוּת, בִּיז אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

וְעַל כּוּלָם, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ; דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן, גֶעוֵויינְט, גֶעוַוארְט, גֶעזָארְגְט און גֶעטוּן סְגוּלוֹת פַּאר דַיין שִׁידוּךְ, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דֶעם, און דוּ זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעָן דַיין וַוייבּ; זָאלְסְט אִיר הֵייבְּן הֶעכֶער און הֶעכֶער. אִין אִירֶע אוֹיגְן זָאלְסְטוּ אַוֶועק מַאכְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם; אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט בַּא'טַעֲם'ט וְכוּ', זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען גְרִינְג אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, וַוייל מֶען קֶען טַאקֶע גְרִינְג אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי אַלֶע וָואס לַיידְן אוֹיף דֶעם פַּארְלִירְן זֵייעֶר זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט וַוייל מֶען פַּארְשֶׁעמְט זֵיי, אַזוֹי אוֹיךְ טוּעֶן זֵיי זִיךְ זֶעלְבְּסְט פַּארְשֶׁעמֶען און קְלַאפְּן, דָאס אִיז שׁוֹין אַ שְׁוֶוערֶערֶע זַאךְ ווִי דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַלֵיינְס. פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶּער פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט - דָאס אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה; עֶס קֶען נֶעמֶען לַאנְגֶע יָארְן בִּיז מֶען בּוֹיט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְט אוֹיפְהֵייבְּן דַיין וַוייבּ, פְּרוּבִּיר זִיךְ אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין אִיר מַצָּב; ווִי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר אַזַא פְּרָאבְּלֶעם, דוּ וָואלְסְט דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן דַיין קָאפּ צוּ קוּקְן דַיין וַוייבּ אִין דִי אוֹיגְן פַאר בּוּשָׁה, יֶעצְט אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז פַּארְקֶערְט, זִי הָאט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם - זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵּק זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי", אַ פְרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִיר מַאן וֶוען דֶער מַאן מַאכְט אִיר פַּאר אַ כֵּלִי, דָאס הֵייסְט עֶר בּוֹיט אִיר אוֹיף.

אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען אַז זִי וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִיר פְּרָאבְּלֶעם.

...

## הַאלְט דַיין שְׁטוּב רֵיין פוּן טֶעכְנָאלָאגִישֶׁע כֵּלִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וֶועל דִיר אַזוֹי לַאנְג בֶּעטְן בִּיז אִיךְ וֶועל עֶס פּוֹעֵל׳ן בַּיי דִיר – בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אַ טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּב, הַאלְט דַיין שְׁטוּב רֵיין. אִיךְ וֵייס אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר קְלוּג אוּן דוּ וֵויסְט וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי דִיר: פָּאלְג; פָּאלְג מוֹהֲרָא״שׁ, פָּאלְג עֶרְלִיכֶע אִידְן; נֶעם נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּב. עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶעם אוֹיף דִי פָּאר שָׁעָה וָואס מֶען אִיז אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ גְלֵייבּ אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועלְן דִיר אַרַיין גֵיין אִין הַארְץ, וַוייל אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר עֶס פוּן מַיין הַארְץ; עֶס בְּלוּטִיגְט מִיר מַיין הַארְץ צוּ זֶען וִוי אַזוֹי שְׁטוּבֶּער גֵייעֶן צוּגְרִינְד.

...

## עֶנְטְפֶער נִישְׁט אַ טֶעלֶעפָאן רוּף פוּן אַ פְרֶעמְדֶע נוּמֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, בְּרוּקְלִין.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער אַז אִיר זֶענְט אַ גְרוֹיסֶע יְרֵאַת שָׁמַיִם, אִיר זֶענְט אַ קְלוּגֶע מֵיידְל; אִיר זֶענְט זֶעכְצְן יָאר אוּן אִיר ווילְט שׁוֹין חִיזּוּק אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיר וֶועט בְּעֶזְר הַשֵּׁם טְרֶעפְן אַייעֶר בַּאשֶׁערְטֶע זִיווּג – אַז אִיר זָאלְט קֶענֶען טוּן וָואס אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ׳ טוּט, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אוּן נִישְׁט

נָאכְגֵיין אַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶערְס וָואס זֵיי שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען, דָאךְ מוּז אִיךְ זִיךְ מַאכְן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַייעֶר בְּרִיוו, וַוייל אִיךְ זֶע ווִי שְׁטַארְק דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען רֵיינְקֵייט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; זֵיי הָאבְּן גֶעבְּלוּטִיגְט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, זֵיי הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶעטוּן צוּ פּוֹעֵל'ן בַּיי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק.

דִי בֶּעסְטֶע חִיזוּק וֶועט זַיין פַאר אַייךְ אַז אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג אִיבֶּער חַזֶר'ן דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט אִיר זָאלְט נָאכְגֵיין אַייעֶר מַאמֶע תְּחִיֶ' אוּן נִישְׁט זוּכְן נֵייעֶ וֶועגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁה לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס"; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער; אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זָאלְט אִיר אִיבֶּערְ'חַזְר'ן יֶעדְן טָאג בִּיז אַייעֶר חֲתוּנָה; זָאגְט אַרוֹיס דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, אוֹיךְ דִי טַייטְשׁ; וֶועט דָאס אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ טוּן דָאס רִיכְטִיגֶע.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וֶועגְן אַ טֶעלֶעפָאן; אַז אַייעֶר מַאמֶע אוּן אַייעֶר שׁוּלֶע

לָאזְן אַייךְ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן קֶענְט אִיר דָאס הָאבְּן, אָבֶער גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַ טֶעלֶעפָאן רוּף וֶוען אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער דֶער רוּפֶער אִיז, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּרִיק שְׁרַייבְּן פַאר אַ פְרֶעמְדֶע נוּמֶער. לֵיידֶער זֶענֶען דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֵיידְלֶעךְ זֵיי אַרַיין צוּ כַאפְּן אִין זֵייעֶר נֶעץ, זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ שְׁרַייבְּן אוּן רוּפְן, אוּן נֶעבֶּעךְ - אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט זֵיי נִישְׁט פוּן וָואס זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, פַאלְן קָרְבָּנוֹת.

אִיר מֶעגְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן אוֹיבּ דָאס אִיז מִיט רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי שׁוּלֶע, אָבֶער גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִיר זָאלְט דָאס נוּצְן נָאר פַאר גוּטֶע זַאכְן.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אַז אִיר ווִילְט זִיךְ לֶערְנֶען וְכוּ׳ אוּן אַייעֶר טַאטֶע ווִיל נִישְׁט הַאלְטְן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אַייעֶר פְרַאגֶע אִיז נִישְׁט בְּעֶצֶם צִי אִיר זָאלְט זִיךְ בִּכְלַל לֶערְנֶען דִי פַאךְ, וָואלְט אִיר וֶוען גֶעפְרֶעגְט צִי אִיר זָאלְט זִיךְ בִּכְלַל לֶערְנֶען דִי פַאךְ וָואלְט אִיךְ אַייךְ גֶעזָאגְט וָואס פֶעלְט אַייךְ דָאס אוֹיס, אִיר זֶענְט דָאךְ שׁוֹין בַּאלְד גְרֵייט אָנְצוּהֵייבְּן בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ, אִיז וָואס אִיז אַייעֶר פְּלַאן אִין לֶעבְּן? אִיר ווִילְט זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע, אוֹיפְצִיעֶן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער אוּן אִיבֶּערְלָאזְן נָאךְ זִיךְ לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת - אָדֶער ווִילְט אִיר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי אַרְבֶּעט? אִיז וָואס פֶעלְט אַייךְ אוֹיס זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַ פַאךְ?

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיר זֶעט מִיט אַייעֶרֶע אוֹיגְן ווִי דִי שְׁטוּבּ פַאלְט אֵיין; אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, אַ חֲסִידִי׳שֶׁע שְׁטוּבּ אוּן יֶעצְט זֶעט אִיר ווִי אַייעֶרֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער רוּקְן זִיךְ אַוֶועק וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי הָאבְּן סְמַארְטְפָאוּנְס, זֵיי לָאזְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער קוּקְן מָאוִוי״ס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וֵוייטָאגְלִיכֶע זַאךְ, לֵיידֶער אִיז דָאס אַיינְגֶעבְּרָאכְן בַּיי אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז זֵיי טוּעֶן אַ טוֹבָה פַאר דִי רַבָּנִים אוּן דַיָּנִים וָואס בֶּעטְן זִיךְ, זֵיי וֵוויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: "רַבּוֹתַי, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, מֶענְטְשְׁן פַארְלִירְן זֵייעֶר לֶעבְּן; שְׁטוּבֶּער פַאלְן צַאם, נֶעמְט נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ, בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין קֵיין קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳ וְכוּ׳".

דָאס דַארְף אַייךְ גֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט אַז אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין סְמַארְטְפָאוּן, אוּן אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר, אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע

אִידְן.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע וֶועגְן זוּמֶער, צִי אִיר זָאלְט נֶעמֶען אַן אָפִּיס אַרְבֶּעט אָדֶער אַרְבֶּעטְן אִין סְקוּל; אַוַודַאי זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ זוּכְן אַן אַרְבֶּעט אִין אַ סְקוּל וִוי אֵיידֶער צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַן אָפִּיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אַנְטְוֶוערְפְּן.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דוּ לָאזְט מִיר אִיבֶּער אַ מֶעסֶעדְזְשׁ וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט.

זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה; נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

וָואס דוּ דַארְפְסְט - בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְט צוּ אִים אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

יֶעדֶעס מָאל דוּ מַאכְסְט אַ סִיּוּם מַסֶּכְתָּא זָאלְסְטוּ מִיר רוּפְן, אוּן אַז אִיךְ הֵייבּ נִישְׁט אוֹיף - זָאלְסְטוּ אִיבֶּער לָאזְן אַ מֶעסֶעדְזְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ פְרֵיי זִיךְ דִיר צוּרִיק צוּ טוּן אַבִּיסְל גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער פְרַיינְט ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיךְ קֶען דִיר צוּרִיק טוּן אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר דִי יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט אַ בָּחוּר זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיין מִשְׁפָּחָה אִין קָאנְטְרִי, אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ׳ן מִיר גֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט דִיר צוּ הֶעלְפְן.

אִיךְ בִּין גְרֵייט דִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ דַארְפְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן תְּפִיסָה וָואס שְׁנֶעלֶער.

...

**מֶען מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ וואַרְט אוּן אִיךְ וַוארְט וֶוען מֶען וֶועט שׁוֹין עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיץ, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תִּיקוּנִים וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וַוארְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אַייךְ.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, מַאכְט אַייךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; מֶען מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים: לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, שִׂיחוֹת הָרַ״ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן. סְתַּם זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב - מִיט דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, מִיט דֶעם אִיז מֶען נָאךְ נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: ״מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן״; דֶער וָואס ווִיל קֶענֶען דֶעם רֶבִּי׳ן דַארְף לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצב): ״פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ״, דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק, גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: ״אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי׳ן״, רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט אִים אַבִּיסְל מְקַנֵּא גֶעוֶוען, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי׳ן, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: ״יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן״; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן -

דער קען דעם רֶבִּי׳ן, דער איז אַ בְּרֶסְלֶב׳ער חָסִיד; אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁייְכוּת מִיט׳ן רֶבִּי׳ן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אַלֶע מִיט עֶנְקֶערֶע שִׁיעוּרִים, זֶעט אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, מֶען קֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אוּן מֶען קֶען גֵיין מִיט תְּכֵלֶת אָבֶער מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, מֶען עֶפְּנְט נִישְׁט קַיין מִשְׁנָיוֹת, קַיין גְמָרָא וְכוּ׳, וְכוּ׳ - דָאס הֵייסְט אָפְּגֶענַארְט. גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בְּבַקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט הֲפָצָה וֶועט אִיר אַלֶע הָאבְּן שֶׁפַע; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת וֶועט אֵייבִּיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ. שֶׁעמְט אַייךְ נִישְׁט צוּ זַיין מֵפִיצִים; אַ מֵפִי׳ץ אִיז אַזוֹי וִוי אַן הַצָּלָה מַאן, דֶער הַצָּלָה מַאן וֶוען עֶר הֶערְט אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן אַז מֶען רוּפְט אִים, אֵיינֶער הָאט גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט - לוֹיפְט עֶר מִיט זַיינֶע נַאכְט קְלֵיידֶער רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר קוּקְט נִישְׁט וָואס מֶען וֶועט זָאגְן אוֹיף אִים, וָואס מֶען וֶועט טְרַאכְטְן אוֹיף אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶר וֵוייסְט אַז עֶר רַאטֶעוֶועט נָאךְ אַ אִיד. מִיר קֶענֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען וֶועט זָאגְן אוֹיף אוּנְז, וָואס מֶען וֶועט שְׁמוּעֶסְן, וָואס וֶועט זַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין וֶוען מֶען וִויל גֵיין הֲפָצָה, נָאר מֶען דַארְף פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן לוֹיפְן רַאטֶעוֶוען נָאךְ אַ אִיד.

אַ פְרֵייליכְן שַׁבָּת.

...

## מֶען צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט דִי מִשְׁפָּחָה מִיטְ'ן נִישְׁט גֵיין צוּזַאמֶען אוֹיף שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

טְרַאכְטְס נִישְׁט אַז אִיר צֶעבְּרֶעכְט דִי מִשְׁפָּחָה מִיט דֶעם וָואס אִיר גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען אוֹיף שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ'; נִישְׁטָא קַיין 'מִשְׁפָּחָה', עֶס אִיז דָא אֵיין מִשְׁפָּחָה: "אַייךְ מִיט אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער - וְוילַאנְג זֵיי זֶענֶען נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט".

דַאנְקְטְס גָאט אַז אִיר הָאט אַ הֶערְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה אוּן גֶעבְּטְס אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן 'אַייעֶר אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה'; אַז אִיר וֶועט גֵיין מִיט אַלֶע גֶעשְׁוְויסְטֶער מִיט דֶעם וֶועט נִישְׁט דִי מִשְׁפָּחָה וֶוערְן אַ מִשְׁפָּחָה, אוּן עֶס קֶען גָאר זַיין אַז מִיט דֶעם וֶועט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן 'אַייעֶר אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה'.

אַז אִיר ווילְט הֶעלְפְן אַייעֶרֶע גֶעשְׁוְויסְטֶער זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט זֵיי דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אָדֶער זֵיי לַיידֶענֶען צוּ אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, דָאס וֶועט זֵיי מְחַזֵּק זַיין; מִיטְ'ן פָאהרְן אוֹיף אַ שַׁבָּת כְּלוֹמְר'ישׁ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן - אִיז סְתַּם אַ דִמְיוֹן.

גֶעבְּטְס אַ קוּק, אִיר הָאט קוּים חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל מַאכְט אִיר שׁוֹין חֲתוּנָה אַייעֶרֶע קִינְדֶער; קוּקְטְס ווִי דֶער לֶעבְּן גֵייט, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אַ בַּאבֶּע.

...

## אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס, וֶוערְט גְרִינְגֶער דִי שְׁוֶועריקְייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר פוּן וֶוען אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְטְן וְכוּ' אוּן אִיר לִיגְט אִין בֶּעט שׁוֹין פַאר אַ גוּטֶע פָּאר וָואכְן מִיט שְׁטַארְקֶע יִסוּרִים; עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

ווייסן זָאלְט אִיר אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק לַיידְן; אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי".

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן; מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, דֶעמָאלְט וֶוערְט גְרִינְגֶער אוּן מֶען קֶען דֶערְטְרָאגְן פִיל מֶער. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אִין לֶעבְּן; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טְרָאפּ מְנוּחָה אִין זַיין לֶעבְּן, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נה:): "כָּל שְׁנוֹתָיו שֶׁל דָּוִד לֹא רָאָה חֲלוֹם טוֹב", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט אֵיין גוּטֶע חָלוֹם אִין זַיין לֶעבְּן; דָאךְ הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים אַ צָרָה הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי צָרָה עֶפֶּעס גוּטְס. עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז 'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי'; אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

אַזוֹי זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן, זוּכְטְס אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ אוּן דַאנְקְטְס אִים אוֹיף יֶעדְן פְּרַט וּפְרַט; דַאנְקְטְס אִים אַז אִיר זֶענְט חַתּוּנָה גֶעהַאט אוּן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ אַ גֶעטְרֵייעֶר מַאן, אַ וואוֹילֶער מַאן; דַאנְקְטְס אִים אַז אִיר וַוארְט אַ קִינְד, דַאנְקְטְס אִים אַז אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט קֶענֶענְדִיג זַיין אִין שְׁטוּבּ; נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר בֶּעטְן שֵׁיינֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, פוּן דֶעם וֶועט אִיר שׁוֹין אַלֵיינְס קֶענֶען צוּלֵייגְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער פוּן הַארְץ:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן אוּן פַאר מַיין גֶעטְרֵייעֶר מַאן, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן מַיין מַאן אִיז גֶעזוּנְט; אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ וַוארְט לְמַזָּל טוֹב, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ לִיגְן אִין בֶּעט אוּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט שְׁפִּירְן; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גְלֵייבּ אַז אַלֶעס אִיז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אִיךְ נֶעם אָן אַלֶעס וָואס דוּ בְּרֶענְגְסְט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת. אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אַרִיבֶּער גֵיין דִי חֳדָשִׁים פוּן וַוארְטְן

**גְרִינְגֶערְהֵייט, אִיךְ זָאל הָאבְּן גְרִינְגֶערְהֵייט אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת".**

פְּרוּבִּירְטְס מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן וֶועט דָאס אַייךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ט' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים הַאלְטְן מִיר אִינְמִיטְן מְסַדֵּר זַיין אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן קֶענֶען זַיין זוּמֶער צְווִישְׁן דִי בֶּערְג אִין אַ רֵיינֶע פְּלַאץ.

דָאס יָאר וֶועט זַיין דִי צְוֶועלֶפְטֶע זוּמֶער וָואס מִיר הָאבְּן דִי יְשִׁיבָה צְווִישְׁן דִי בֶּערְג, עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז זַיין אִין קֶעמְפּ מִיט דִי בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן יֶעדְן זוּמֶער אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים, קִינְדֶער, אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ וְכוּ', דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט מִיר אָן יֶעדֶע זוּמֶער.

אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל זַיין דָארְט פַאר'ן זוּמֶער; עֶס וֶועט זַיין יֶעדְן טָאג שִׁיעוּרִים סֵיי אִין גְּמָרָא אוּן סֵיי אִין הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהָנִיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן.

כַּאפּ אַרוֹיס אִינְמִיטְן דַיין טָאג, אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט - אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל

הִתְבּוֹדְדוּת; וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט? נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִילָה וּגְמִילוּת חֲסָדִים; נָאר דָאס וֶועט אוּנְז בַּאגְלֵייטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד".

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דִיר; אִיךְ בִּין עֶרְשְׁט יֶעצְט אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט אוּן שׁוֹין בֶּענְק אִיךְ זִיךְ נָאךְ דִיר. אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַרוֹיס כַאפְּן מִזְמַן לִזְמַן אִינֶעם שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִזּוּק פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

Keren Hadfusa of Breslev
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205-1509
P: 718-387-2691
Email: Mail@kerenhadfusa.org